**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/9/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל מעלדט איין איבער עפענונג פון א נייע 37 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט אין ערי קאַונטי**

***די "עפל בלאָסאַם" אפארטמענטס אין טשיקטאָוואַגאַ באשטייען פון 110 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר משפחות און ערוואקסענע מיט נידעריגע איינקונפט וועלכע זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס***

***געביידעס געבויט אויף אן ענערגיע-שפארזאמע אופן וועלן אקאמאדירן איינוואוינער מיט שוועריגקייטן מיטן הערן אדער זעהן און איינוואוינער מיט פיזישע באגרעניצונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון א 37 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין טשיקטאָוואַגאַ טאון. די "עפל בלאָסאַם" אפארטמענטס אין טשיקטאָוואַגאַ שטעלן צו 110 היימער מיט 60 אפארטמענטס פאר פריוואטע מענטשן וועלכע זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס.

"די קאראנאווירוס פאנדעמיע האט געברענגט פרעצעדענטלאזע שוועריגקייטן פאר ניו יארקער וועלכע האבן זיך שוין פון פאַרדעם געמוטשעט מיט האוזינג אומזיכערהייט", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "צושטעלן פאר פריוואטע מענטשן און פאר משפחות א זיכערע און סטאבילע היים איז א מהפכה און עס בענעפיטירט די גאנצע קאמיוניטי. די צוגעקומענע 'עפל בלאָסאַם' אפארטמענטס ווערן באמת ווארעם אויפגענומען אין מערב ניו יארק."

"עפל בלאָסאַם" אפארטמענטס באשטייען פון געביידעס וועלכע האבן א נאמען באקומען נאך די סארטן עפל וואס וואקסן אין ניו יארק סטעיט - "גאַלאַ", "עמפייער" און "קאָרטלאנד". אלע אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income).

אכט און פערציג היימער ווערן געהאלטן פאר מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט צו באקומען אויפן-ארטיגע גייסטישע געזונט באהאנדלונג סערוויסעס, לייסענסירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט (Office of Mental Health, OMH) אונטער די אפארטמענט באהאנדלונג פראגראם. נאך צוועלף שטיצנדע היימער ווערן איסגעצאלט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אונטערנעמונג ( Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) און די געלטער ווערן איבערגעגעבן דורך די OMH. די איבריגע 50 אפארטמענטס זענען אוועקגעלייגט פאר משפחות וועלכע וועלן זיין בארעכטיגט דערפאר לויט זייער איינקונפט. עס זענען דא 28 אפארטמענטס וואס זענען צוגענגליך פאר מענטשן מיט פיזישע באגרעניצונגען לויט די סטאנדארט פון די ADA און 45 אפארטמענטס וועלכע זענען צוגענגליך פאר מענטשן מיט שוועריגקייטן מיטן הערן אדער זעהן דורכאויס די גאנצע דעוועלאפמענט.

די דעוועלאפמענט קאמפלעקס איז דעזיינט געווארן נאכקומענדיג די סטאנדארט פון די ענערדזשי סטאַר סערטיפייד היימער (Energy Star Certified Homes) פראגראם, ווערנדיג באגלייט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and

Development Authority, NYSERDA), נוצנדיג בויען מאטעריאלן וועלכע שפארן ענערגיע און מעבל און אפלייענסעס פון ענערדזשי סטאַר אין די גאנצע פראיעקט.

יעדע פון די דריי געביידעס האט אין זיך א קאמיוניטי צימער מיט א קאך, איינוואוינער לאָונדזשעס מיט צוטריט צו קאמפיוטערס, צימערן צו וואשן וועש אויף יעדע שטאק און אזוי אויך סטארעדזש פלאץ אין יעדע אפארטמענט. צימערן פאר באגעגענישן אין יעדע געביידע אקאמאדירן טענאנט שטיצע סערוויסעס.

די "עפל בלאַסאַם" אפארטמענטס זענען נאענט צו גראסערי געשעפטן, שולעס, רעליגיעזע ערטער, מעדיצינישע קעיר, בענק, לייברעריס און רעגירונג אגענטורן.

דעפּאָול קאמיוניטי סערוויסעס איז די קערפערשאפט וואס שטעלט צו די סערוויסעס און איז דער דעוועלאפער. די פאָנדינג פאר די "עפל בלאַסאַם" אפארטמענטס רעכענען אריין 19.2 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 9.7 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און כמעט 12.8 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). די OMH האט צוגעשטעלט 13 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע און אזוי אויך סטארט-אָפּ פאנדינג דורך א $120,000 פראיעקט אנטוויקלונג גרענט. די OMH שטעלט אויך צו $300,000 אין יערליכע שטיצע סערוויסעס פאנדינג דורך די ESSHI פראגראם. NYSERDA האט צוגעשטעלט $86,000.

די "עפל בלאַסאַם" אפארטמענטס זענען טייל פון די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן צו מאכן האוזינג צוגענגליך און צו באקעמפן היימלאזיגקייט דורכן בויען און אויפהאלטן מער פון 100,000 ביליגע היימער און 6,000 אפארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס.

**HCR קאמישאנער רוּטהען ווישנאָוסקאס האט געזאגט,** "מיר זענען גאר פרייליך צו אריינגעמען מער פון 110 איינוואוינער אין זייערע נייע היימער אין די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס אין טשיקטאָוואַגאַ. א דאנק דעפּאול און א דאנק אונזערע קאלעגן אין די סטעיט רעגירונג וועט די 37 מיליאן דאלארדיגע האוזינג קאמיוניטי פארבעסערן די טאג-טעגליכע לעבן פון ערוואקסענע מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס. אלע ניו יארקער האבן די רעכט זיך צו קענען ערלויבן א באקוועמע היים וואס קומט נאך זייערע אייגנארטיגע געברויכן, און עס איז אונזער מיסיע ביי די HCR צו פארברייטערן די צוטריט צו הויכע-קוואליטעט האוזינג מעגליכקייטן אזוי ווי די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס צו יעדע ראיאן אין די סטעיט."

**OMH קאמישאנער דר. ען סאָליוואן האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג גיבט פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקייטן די מעגליכקייט צו זיין זעלבסטשטענדיג און צו וואוינען מיט סוקסעס אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס. ניו יארק איז אלץ געווען די ערשטע אין די לאנד מיט די דעוועלאפמענט פון שטיצנדע האַוזינג, און אונזער עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אונטערנעמונג האט שוין געגעבן פאר טויזנטע מענטשן און פאמיליעס אין נויט א סטאבילע און זיכערע היים מיט די סערוויסעס אין וועלכע זיי נויטיגן זיך. די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס אין טשיקטאָוואַגאַ שטעלן צו פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקייטן זעלבסטשטענדיגקייט און שטיצע אין א הערליכע און ווארעמע היים."

**דאָרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA האט געזאגט,** "די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס פראיעקט צייגט ארויס טעכנאלאגיע וואס שפארט ענעריגע וואס וועט פארזיכערן א באקוועמע, גוט אינסולירטע און געשמאקע וואוינונג אטמאספערע פאר מערב ניו יארקער. די קאמפלעקס באנוצט זיך מיט די נייעסטע עקוויפמענט און קאנסטרוקציע טעכניקן צו שפארן אין ענערגיע און אין קאסטן פאר די איינוואוינער, שטיצנדיג די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן אז איינוואוינער מיט נידעריגע איינקונפט באקומען א יושר'דיגע חלק פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען."

**דעפּאול פּרעזידענט מארק פולער האט געזאגט,** "דעפּאול איז דאנקבאר פאר אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג פארן אונז העלפן צו פארגרעסערן אונזערע מעגליכקייטן צוצושטעלן לאנג-טערמיניגע אדער פערמאנענטע האוזינג וואו איינוואוינער קענען צוקומען צו די שטיצע סערוויסעס אין וועלכע זיי ברויכן זיך צו קענען לעבן מיט הרחבת הדעת. מיר קוקן ארויס צו טוישן אפילו נאך מער לעבנס פאר מענטשן אין ערי קאַונטי און איבער גאנץ ניו יארק סטעיט דורכן צושטעלן סטאבילע האוזינג פאר די מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין דעם די מערסטע."

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט** "מיט א מולטי-מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אלעס אינאיינעם פון די סטעיט און פעדעראלע קאסעס האבן מיר יעצט 110 נייע ביליגע היימער אין טשיקטאָוואַגאַ. דאס ווייזט ווידעראמאל ארויס ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו מאכן האוזינג מער צוגענגליך און ביליג איבער די גאנצע סטעיט, און עס איז אן עדות אויף דעפּאול קאמיוניטי סערוויסעס'ס חזון צו לייזן א גרויסע נויט אין אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מעמבער מאניקע וואלעס האט געזאגט,** "מיט די האוזינג קאסטן וועלכע וואקסן דראמאטיש איבערן לאנד, איז עס וויכטיגער פון סיי ווען בעפאר אז מיר זאלן אינוועסטירן אין ביליגע האוזינג פאר די מענטשן אין אונזער געזעלשאפט וועלכע ברויכן זיך דערין די מערסטע. מיט די פארענדיגונג פון די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס האט די סטעיט צוגעלייגט מער פון 100 נייע האוזינג יוּניטס, אריינרעכענענדיג צענדליגע וועלכע האבן סערוויסעס און צוגענגליכקייט פאר די מיט ספעציעלע געברויכן. א דאנק פאר גאווערנאר האוקאל און פאר ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן זיכערע, ביליגע און שטיצנדע האוזינג פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין די מערסטע."

**טשיקטאָוואַגאַ סוּפּערווייזער דייען בענצקאוסקי האט געזאגט,** "ווי גליקליך איז טשיקטאָוואַגאַ טאון אז די 'עפל בלאַסאַם' אפארטמענטס זענען א טייל פון אונזער קאמיוניטי. דעפּאול האט ווידעראמאל אויסגעפירט זייער מיסיע צו צושטעלן געלעגנהייט, שטיצע און האפנונג, און מיר ווייסן אז די נייע איינוואוינער וועלן בליהען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן